וּבְהַקְדִּים, אַז אִין אֵיינֶער פוּן דִי יִעוּדֵי הַגְאוּלָּה (אִין דֶער הַפְטוֹרָה פוּן לֶעצְטְן שַׁבָּת) טַיְיטשְׁט מֶען אוֹיס בְּפֵירוּשׁ מְדִינַת צָרְפַת: ״וְגָלוּת הַחֵל הַזֶּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל גו׳ עַד צָרְפַת גו׳ יִרְשׁוּ אֵת עָרֵי הַנֶּגֶב, וְעָלוּ מוֹשִׁיעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפּוֹט אֶת הַר עֵשָׂו וְהָיְתָה לַה׳ הַמְּלוּכָה״[טו].

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין: פוּן דֶעם וָואס דֶער נָבִיא אִיז מְפָרֵט דֶעם גָלוּת וּגְאוּלָּה פוּן צָרְפַת, אִיז מוּבָן אַז ס׳אִיז דָא אַ שַׁיְיכוּת מְיוּחֶדֶת בֵּינֵיהֶם, וָוארוּם אֲפִילוּ אַז אִידְן זַיְינֶען לְכַתְּחִלָּה פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן בִּתְחִלַּת הַגָּלוּת אִין צָרְפַת[טז], אִיז לְמַאי נַפְקָא־מִינָּהּ דָאס אוֹיסְטַיְיטשְׁן אִין פָּסוּק, וּבִפְרַט אִין אַ יִעוּד וָואס רֶעדט זִיךְ (נִיט וֶועגְן הַתְחָלַת הַגָּלוּת כִּמְעַט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר) וֶועגְן דֶער גְאוּלָּה!

---

14. Analogous to how this principle applies to Torah — see Rashi on the beg. of *parshas Bahar*; *Tanya*, "Introduction," 3b. Also, note the Mishnah, *Chagigah* 10a, and the *Gemara*, ibid., 11a.

15. *Ovadiah* 1:20-21.

16. See *Radak*, ad loc.

**From this** that the prophet does mention France **it is understood that when discussing the Redemption, it is important to note that Redemption is connected with France, and that "the exile of this host" (the onset of *Galus*) took place in France. The reason, we can posit, is that the complete refinement of the world — "the kingdom will be Hashem's" — is achieved through the refinement and elevation of (the "Children of Israel" in) France, as will be explained.**

אִיז דֶערְפוּן פַּארְשְׁטַאנְדִיק אַז אִין דֶער גְאוּלָּה אִיז נוֹגֵעַ אַז דָאס אִיז פַּארְבּוּנְדְן מִיט צָרְפַת, אוּן אַז "גָלוּת הַחֵל הַזֶּה" (הַתְחָלַת הַגָּלוּת) אִיז גֶעוֶוען אִין "צָרְפַת". וְיֵשׁ לוֹמַר הַטַעַם, וַוייַל שְׁלֵימוּת בִּירוּר הָעוֹלָם - "וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה" - וֶוערְט אוֹיפְגֶעטָאן דוּרְךְ דֶעם בִּירוּר וַעֲלִיָּה פוּן ("בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" אִין) צָרְפַת, כְּדִלְקַמָּן.

## The French Revolution

**5. This will be understood when we consider the change and novelty introduced in the relationship between Jews and France in our generation, in contrast to the generation of the Alter Rebbe.**

**As known,[17] in the time of Alter Rebbe, when war broke out between Napoleon of France and Czar Alexander of Russia, the Alter Rebbe reasoned that for the spiritual welfare of the Jewish people, concerning matters involving the Fear of Heaven, it would be advantageous for Russia to emerge victorious, and for France to go down in defeat. (The Alter Rebbe's position was at odds with that of another Jewish leader.)[18]**

**As the Alter Rebbe wrote:[19] "If Bonaparte wins, prosperity will improve in Israel, and Jewish standing will improve. However, Jewish hearts will be sundered and drawn away from their Father in Heaven. Should Alexander win, although poverty will increase in Israel, and the Jewish standing will be lowered, Jewish hearts will be connected, joined and bound with their Heavenly Father."**

ה. וֶועט מֶען עֶס פַּארְשְׁטֵיין לוֹיט דֶעם שִׁינּוּי וְחִידּוּשׁ אִין דֶער יַחַס פוּן אִידְן בְּדוֹרֵנוּ זֶה צוּ מְדִינַת צָרְפַת, לְגַבֵּי דֶעם יַחַס אִין דֶעם דוֹר פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן:

ס'אִיז יָדוּעַ[יז], אַז אִין דֶער צַייְט פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן, ווֶען ס'אִיז גֶעוֶוען דִי מִלְחָמָה צְווִישְׁן נַאפָּאלְיָאן פוּן פְרַאנְקְרַייְךְ (צָרְפַת) אוּן דֶעם צַאר אַלֶכְּסַנְדֶר פוּן רוּסְלַאנְד, הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן (נִיט ווִי אַן אַנְדֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל[יח]) אַז לְטוֹבַת הַמַּצָּב הָרוּחְנִי פוּן אִידְן בְּעִנְיְנֵי יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז בֶּעסֶער אַז רוּסְלַאנְד זָאל מְנַצֵּחַ זַייְן אוּן צָרְפַת זָאל הָאבְּן אַ מַפָּלָה.

וּבִלְשׁוֹנוֹ הַקָּדוֹשׁ[יט]: "אִם יְנַצֵּחַ ב"פ [בּוֹנַאפַּארְט[כ]] יוּרְבֶּה הָעוֹשֶׁר בְּיִשְׂרָאֵל וְיוּרַם קֶרֶן יִשְׂרָאֵל, אֲבָל יִתְפָּרְדוּ וְיִתְרַחֲקוּ לִבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל מֵאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וְאִם יְנַצֵּחַ א' [אַלֶכְּסַנְדֶר] אִם כִּי יוּרְבֶּה הָעוֹנִי בְּיִשְׂרָאֵל וְיוּשְׁפַּל קֶרֶן יִשְׂרָאֵל אֲבָל יִתְקַשְּׁרוּ וְיִתְחַבְּרוּ וְיִתְעַקְּדוּ לִבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם".

---

17. *Bais Rebbi*, vol. 1, ch. 22 (p. 45b, ff.); *Sefer Hasichos, Toras Shalom*, p. 203; *Letters of the Previous Rebbe*, vol. 5, p 451; *Sefer Hatoldos* of the Alter Rebbe, vol. 4, p. 1025, et passim. The sources mentioned in fn. 19, 21, below.

18. *Bais Rebbi,* loc. cit., fn. 1; *Toras Shalom*, loc. cit.; *Likkutei Dibburim,* vol. 4, p. 714b; see the Rebbe's *sichah* on the night of Simchas Torah (before *hakafos*), 5744.

19. In his letter to the Chassid R. Moshe Meizlish, published in *Igros Kodesh* of the Alter Rebbe, sec. 64 (p. 150, 151); et al.

**The rationale for the Alter Rebbe's position was as follows: France (with Napoleon as its helm) had postured itself as the harbinger of freedom, from religion and faith in Hashem. G-d protect us! This *klipah* of the French Republic (and Napoleon) — embodying "the potency of *klipah* and stern judgment," rooted in its "arrogance and pride, depending and relying [solely] on their power and might…; boasting,[20] 'my strength and the might of my hand' shunting aside any consideration of Divine providence, faith, and trust in G-d…" (analogous to the *klipah* of Sennacherib), as the Mittler Rebbe explains[21] — was not transitory. Rather, it is potent in all later times and generations.**

**As historically documented, the French revolution in 5549[22] (which led Napoleon to become the leader of France several years later), was also an ideological revolution, a phenomenon of general import that brought in its wake a fundamental change to the entire world. This revolution was one of the primary events upon which the pillars of governance of the "modern world" and culture are fixed until this very day:**

**Until the French revolution, the French government (and those of most nations) lay in the hands of the king and queen, who ruled the country as they fancied. The underpinning of the revolution was that human beings should be at liberty to behave however they feel. Consequently, the king and queen were overthrown to unshackle the state from the fetters of their control and rulership. Governance was transferred to public officials who represented all the citizenry of the country.**

דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז גֶעוֶוען, וַוייל צָרְפַת (אוּן נַאפָּאלְיָאן בְּרֹאשָׁהּ) הָאט מִיט זִיךְ דֶעמוּלְט פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט אַ תְּנוּעָה פוּן חוֹפֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלַן מִכָּל עִנְיְנֵי דַת וֶאֱמוּנָה אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי קְלִיפָּה פוּן מַלְכוּת צָרְפַת (נַאפָּאלְיָאן) - וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען "תּוֹקֶף הַקְלִיפָּה וְהַדִין הַקָשֶׁה" צוּלִיבּ זֵייעֶר "גֵאוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת לִתְלוֹת וְלִסְמוֹךְ עַל כֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ כו' לוֹמַר כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי וּמְסַלֵק הַהַשְׁגָחָה וֶאֱמוּנָה וּבִטָחוֹן בֵּאלֹקִים כו'" (בְּדוּגְמַת דִי קְלִיפָּה פוּן סַנְחֵרִיב), וִוי דֶער מִיטֶעלֶער רֶבִּי אִיז מְבַאֵר[כא] - אִיז נִיט גֶעוֶוען בְּלוֹיז אַן עִנְיָן לְפִי שָׁעָה כו', נָאר נוֹגֵעַ לְכָל הַזְמַנִים וְהַדוֹרוֹת לְאַחֲרֵי זֶה,

כַּיָדוּעַ בְּדִבְרֵי הַיָמִים אַז דִי פְּרַאנְצוֹיזִישֶׁע רֶעוואָלוּצִיֶע בִּשְׁנַת תקמ"ט (וָואס אַלְס תּוֹצָאָה דֶערְפוּן אִיז נַאפָּאלְיָאן גֶעוָוארְן פִירֶער פוּן צָרְפַת עֶטְלֶעכֶע יָאר שְׁפֶּעטֶער) אִיז גֶעוֶוען אוֹיךְ אַן אִידִיעָלָאגִישֶׁע מַהְפֵּכָה, אַן עִנְיָן כְּלָלִי וָואס הָאט מִיט זִיךְ מִיטְגֶעבְּרַאכְט אַ שִׁינוּי עִיקָרִי אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מְאוֹרָעוֹת עִיקָרִיוֹת אוֹיף וֶועלְכֶע סְ'זַיְינֶען אוֹיפְגֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן דִי יְסוֹדוֹת הַהַנְהָגָה פוּן דֶער "מָאדֶערְנֶער וֶועלְט" אוּן קוּלְטוּר, עַד הַיוֹם הַזֶה:

בִּיז דֶער מַהְפֵּכָה, אִיז דִי מֶמְשָׁלָה פוּן צָרְפַת (וְרוֹב הַמְדִינוֹת) גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אִין דֶער הַאנְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ וּמַלְכָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפִירְט מִיט אִיר וִוי בַּא זֵיי אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען. דִי רֶעוָואלוּצִיֶע אִיז גֶעוֶוען בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דֶעם אַז מֶענְטשְׁן זַיְינֶען פְרַיי צוּ זִיךְ פִירְן וִוי זֵיי ווִילְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם מֶלֶךְ וּמַלְכָּה צוּ בַּאפְרַייְעֶן דִי מְדִינָה פוּן זֵייעֶר שְׁלִיטָה וּמֶמְשָׁלָה, אוּן דָאס זָאל אִיבֶּערְגֵיין צוּ הַנְהָלַת הַצִיבּוּר וֶועלְכֶער שְׁטֶעלְט פָאר כָּל אַנְשֵׁי הַמְדִינָה.

---

20. *Devarim* 8:17.

**21. In his letter to the Chassid, R. Moshe, referred to above, published in *Igros Kodesh* of the Mittler Rebbe, sec. 8 (p. 237, ff.); et al.**

22. 1789 CE

The advantage of this system was that it enhanced physical liberties, and promoted fairness and equality, etc., and would have brought new freedoms and prosperity to the Jewish people. However, since the movement was not founded on the bedrock of faith and trust in Hashem, the movement brought along with it (especially, through Napoleon) a trend to pursue spiritual freedom,[23] freedom from matters of religion, wholesale repudiation of religious strictures, and an overall feeling of a free-for-all, etc. This effect also influenced several other countries at the time, and later on.

On account of this deleterious spiritual effect, the Alter Rebbe strongly opposed the sovereignty of France and prayed for France to be trounced in battle.

His antagonism was so formidable that because he refused to capitulate to French rule, he fled from Liadi with his entire household (with all their property and possessions).[24] (In the natural course of events, as a consequence of his escape and these exhausting journeys,[25] the Alter Rebbe passed away in the village of Piena,[26] on 24 Teves.)[27]

The Alter Rebbe had promised (the Mittler Rebbe), with an oath,[28] that Russia would win the war. And so it was. Thus, the Jews were spared from the pernicious influence that would have penetrated had France conquered Russia. Afterward, the Jewish people were able to continue their work in drawing their hearts closer to their Heavenly Father. In particular, this goal was accomplished through the dissemination of Chassidic doctrine in that country

כָּאטשׁ אֲפִילוּ אַז דָאס הָאט דִי מַעֲלָה וָואס עֶס קוּמְט צוּ אִין חוּפֶשׁ בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן אִין צֶדֶק וְיוֹשֶׁר כו׳, אוּן דָאס וָואלְט גֶעבְּרַאכְט אַ חֵירוּת וַעֲשִׁירוּת בַּא אִידְן - אִיז אָבֶּער וויִבַּאלְד אַז מְ׳הָאט דָאס נִיט בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דֶעם יְסוֹד פוּן אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן בַּה׳ - הָאט דָאס מִיט זִיךְ אוֹיךְ גֶעבְּרַאכְט (אוּן סְפֶּעצִיעֶל דוּרְךְ נַאפָּאלְיָאן) אַ צוּגַאנְג פוּן חוּפֶשׁ בְּרוּחְנִיּוּת[כב], חוּפֶשׁ פוּן עִנְיָנֵי דַת, אוּן פְּרִיקוּת עוֹל וְהֶפְקֵרוּת וכו׳, וָועלְכֶע הָאט מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען אוֹיף נָאךְ כַּמָּה וְכַמָּה מְדִינוֹת בִּזְמַן הַהוּא וּבִזְמַנִּים שֶׁלְּאַחֲרֵי זֶה.

וּמִטַּעַם זֶה הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי מְנַגֵּד גֶעוֶוען בְּכָל הַתּוֹקֶף קֶעגְן מַלְכוּת צָרְפַת, אוּן הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן דִי מִלְחָמָה,

וְעַד כְּדֵי כַּךְ, אַז צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט זַיְין תַּחַת שְׁלִיטָתָם, אִיז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי מִיט כָּל בְּנֵי בֵּיתוֹ (וְכָל רְכוּשׁוֹ וּנְכָסָיו) אַנְטְלָאפְן פוּן לְיַאדִי[כג] (בִּיז אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אַלְץ תּוֹצָאָה דֶערְפוּן[כד] אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוֶוען דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳ן אִין כְּפַר פְּיֶענָא בְּכ״ד טֵבֵת).

אוּן עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (דֶעם מִיטֶעלְן רֶבִּי׳ן), עַד לִידֵי שְׁבוּעָה[כה], אַז רוּסְלַאנְד וֶועט מְנַצֵּחַ זַיְין דִי מִלְחָמָה, אוּן כַּךְ הֲוָה. וָואס דוּרְךְ דֶעם זַיְינֶען אִידְן דֶעמוּלְט גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דֶער הַשְׁפָּעָה בִּלְתִּי רְצוּיָה וָואס וָואלְט גֶעוֶוען אוֹיבּ דֶעמוּלְט וָואלְט צָרְפַת אַיְינְגֶענוּמֶען רוּסְלַאנְד, אוּן אִידְן הָאבְּן דֶערְנָאךְ גֶעקֶענְט מַמְשִׁיךְ זַיְין עֲבוֹדָתָם בְּקִירוּב לִבָּם אֶל אֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם. וּבִמְיוּחָד - דוּרְךְ דֶעם גִילּוּי פוּן תּוֹרַת הַחֲסִידוּת בִּמְדִינָה הַהִיא

---

23. See *sichah* of Simchas Torah 5676, reproduced in *Migdal Oz* (ed. Kfar Chabad, 5740), end of p. 457, et passim.

24. See the letter of this Mittler Rebbe, *supra*, at length (*Igros Kodesh*, loc cit., p. 240 ff.); *Likkutei Dibburim*, vol. 1, 13b ff.

25. *Igros Kodesh*, ibid., p. 244; *Bais Rebbi*, loc cit., 46a, fn, 2; *Likkutei Dibburim*, ibid., 14b.

26. A small village near Kursk.

27. In the year 5573, 1812 CE.

28. *Igros Kodesh*, ibid., p. 243.

**through the agency of the Rebbeim, our leaders, the scions of the Alter Rebbe.**

דוּרְךְ רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ מְמַלְאֵי מְקוֹמוֹ פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן.

## The Power Of Outreach

**6. On this basis, we can appreciate the novelty introduced particularly in our generation, vis-à-vis our attitude towards France. This change was accomplished with the fortitude of the Previous Rebbe, the leader of our generation,** which he invested in his **emissaries:**[29]

**True, France in those days was fueled by "the potency of *klipah*...," and it opposed conduct conforming with G-d-fearing standards, and particularly, with the ways of Chassidus, for which reason the Alter Rebbe had expressed his strong resistance to a French military victory (as discussed above in section 5); and also in subsequent generations,[30] it was clear that the situation in France was not terribly conducive to promoting piety, etc. Similarly, it was true that the Rebbeim, our leaders (who had taken up the mantle of leadership after the Alter Rebbe) rarely engaged in publicizing and disseminating Chassidic doctrine in France.**[31]

**Nonetheless, recently the situation has changed from one extreme to the other. Not only has the light of holiness (from elsewhere) also reached and radiated over there, but Jews who learn Torah (both its revealed and inner dimensions) and who observe *mitzvos* piously have been settled there for some time. In particular, this resulted from a mission spearheaded by the Previous Rebbe, and those who were dispatched engaged in Torah study and the meticulous observance of *mitzvos*, recording Torah novellae, etc.,**

ו. דֶערְבַּיי זֶעט מֶען דֶעם חִידוּשׁ וואָס אִיז צוּגֶעקוּמֶען בִּמְיוּחָד בְּדוֹרֵנוּ זֶה אִין דֶעם יַחַס צוּ מְדִינַת צָרְפַת, בְּכֹחַ וּבִשְׁלִיחוּת פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ[כו]:

נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם וואָס דִי מְדִינָה אִיז גֶעוועֶן בִּזְמַנִּים הָהֵם דֶער "תּוֹקֶף הַקְּלִיפָּה כו'", אוּן הָאט מְנַגֵּד גֶעוועֶן צוּ דֶער הַנְהָגָה עַל פִּי יִרְאַת שָׁמַיִם וּבִפְרַט בְּדֶרֶךְ הַחֲסִידוּת וכו', וואָס צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אַזוֹי שְׁטַארְק מְנַגֵּד גֶעוועֶן צוּ אִיר נִצָּחוֹן (כַּנַּ"ל סְעִיף ה), אוּן אוֹיךְ אִין דִי דוֹרוֹת לְאַחֲרֵי זֶה[כז] - זֶעט מֶען בְּפוֹעֵל, אַז דֶער מַצָּב אִין צָרְפַת אִיז נִיט גֶעוועֶן אַזוֹי מְסוּגָּל אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם כו', אוּן אוֹיךְ בַּא רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ (מְמַלְאֵי מְקוֹמוֹ פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן) אִיז נִיט גֶעוועֶן בִּקְבִיעוּת (כָּל כַּךְ) דֶער גִּילוּי פוּן הֲפָצַת תּוֹרַת הַחֲסִידוּת אִין צָרְפַת[כח]-

אִיז דֶער מַצָּב אִיצְטֶער נִשְׁתַּנֶּה גֶעוואָרְן מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, אַז נִיט נָאר וואָס דָארְטְן הָאט דֶערְגְרֵייכְט דֶער אוֹר הַקְּדוּשָּׁה (מִמָּקוֹם אַחֵר), נָאר אִידְן לוֹמְדֵי תּוֹרָה (נִגְלֶה דְתוֹרָה וּפְנִימִיּוּת הַתּוֹרָה) וּמְקַיְּמֵי מִצְוֹת בְּיִרְאַת שָׁמַיִם הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט לְמֶשֶׁךְ זְמַן, וּבִמְיוּחָד - בִּשְׁלִיחוּתוֹ פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ, אוּן זִיךְ דָארְט עוֹסֵק גֶעוועֶן אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַמִּצְוֹת בְּהִידּוּר, אוּן מִיט שְׁרַייבְּן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה וכו', פוּן וועֶלְכֶע אוֹיךְ

29. For elaboration on the following, see also *Sefer Hasichos 5749*, vol. 2, p. 570, et passim; *sichah* delivered on Shabbos *parshas Vayishlach,* 5752, sec. 12.

30. Likewise in earlier generations, when "the French people caused much harm to the Jewish people, ... as described in the book, *Shevet Yehudah*, at length, etc." (*Igros Kodesh* of the Mittler Rebbe, ibid., 239; see also his book, *Shaarei Teshuvah*, vol. 1, ch. 5 (5b)).

31. See later, sec. 7, the variations in the periods regarding this point.

which other Jews (in different places) could learn from since these novellae were later printed, and so forth.

Particularly, after World War Two, by Divine Providence, Jews from various countries reached there and settled. This influx transformed the country into a place and center of Torah and Jewish life,[32] from where Torah and Judaism were disseminated, in general; as were the Chassidic wellsprings, in particular. This was accomplished by establishing many institutes of Torah and *tefillah*, including, and especially, the *yeshiva* of "*Tomchei Tmimim* Lubavitch," and "*Achei Tmimim*," and so on, with a slew of branches. Also, schools, in general, offering unadulterated Jewish education[33] were founded. In addition, Jewish works on the revealed and inner dimension of the Torah are published there. All these accomplishments continue to grow and expand, and to illuminate.

In this context, we can appreciate the innovation: Just as we find concerning man's *avodah* in the world as a whole, that from one generation to the next, Jews reach new and more remote places in order to bring about the desired spiritual refinements — for the consummate refinement can only take place after Jews settle in a region and "abide by its customs," employing the local customs to augment their divine service (as discussed in section 2) — so, too, concerning the work of the Rebbeim, our leaders, in spreading Torah and Judaism and disseminating the wellsprings of Chassidus outward: During generations, this work has been increasingly augmented. And now, in this generation of ours, the work of refinement has reached the country of France. Notwithstanding that France was the

אַנְדֶערֶע (בִּמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים) קֶענֶען לֶערְנֶען, דוּרְךְ דֶעם וָואס דָאס אִיז דֶערְנָאךְ אַרוֹיס אִין דְפוּס וְכַיּוֹצֵא בָזֶה.

וּבִמְיוּחָד - נָאךְ דֶער צְוֵויְיטֶער וֶועלְט מִלְחָמָה, זַיְינֶען בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית אָנְגֶעקוּמֶען אַהִינְצוּ און זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט אִידְן פוּן פַארְשִׁידֶענֶע מְדִינוֹת, בִּיז אַז זִי אִיז גֶעוָוארְן אַ מָקוֹם וּמֶרְכָּז פוּן תּוֹרָה אוּן אִידִישְׁקַיְיט, פוּן הֲפָצַת הַתּוֹרָה וְהַיַּהֲדוּת בִּכְלַל אוּן הֲפָצַת מַעְיָנוֹת הַחֲסִידוּת בִּמְיוּחָד, דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ׳הָאט דָארְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ רִיבּוּי מוֹסְדוֹת שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה, כּוֹלֵל וּבִמְיוּחָד - יְשִׁיבַת ״תּוֹמְכֵי תְמִימִים לְיוּבַּאוִויטְשׁ״, אוֹיךְ ״אַחֵי תְּמִימִים״ וְכַיּוֹצֵא בָזֶה, מִיט כַּמָּה וְכַמָּה סְנִיפִים, אוּן מוֹסְדוֹת חִינּוּךְ בִּכְלַל עַל טַהֲרַת הַקּוֹדֶשׁ, אוּן נוֹסָף לְזֶה - דְרוּקְט מֶען דָארְט סְפָרִים, אִין נִגְלֶה דְתוֹרָה אוּן אִין פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, וְכָל זֶה בְּאוֹפֶן פוּן הוֹלֵךְ וּמוֹסִיף וְאוֹר.

אוּן דֶער חִידּוּשׁ בְּדָבָר אִיז מוּבָן עַל פִּי הַנַּ״ל: כְּשֵׁם וִוי דָאס אִיז בַּנּוֹגֵעַ צוּ דֶער עֲבוֹדָה בִּכְלָלוּת הָעוֹלָם, אַז מִדּוֹר לְדוֹר זַיְינֶען אִידְן אָנְגֶעקוּמֶען אִין נַיְיעֶ, וַוייְטֶערֶע עֶרְטֶער בִּכְדֵי דָארְטְן אוֹיפְטָאן דֶעם בִּירוּר, וָוארוּם דִי שְׁלֵימוּת הַבִּירוּר אִיז בְּשַׁעַת מְ׳בַּאזֶעצְט זִיךְ אִין דֶעם מָקוֹם אוּן ״הַלֵךְ בְּנִימוּסֵיהּ״, מְ׳נוּצְט אוֹיס דִי מִנְהָגֵי הַמָּקוֹם אוֹיף מוֹסִיף זַיְין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם (כַּנַּ״ל סְעִיף ב) - אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּנּוֹגֵעַ צוּ דֶער עֲבוֹדָה פוּן רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ אִין הֲפָצַת הַתּוֹרָה וְהַיַּהֲדוּת אוּן הֲפָצַת הַמַּעְיָנוֹת חוּצָה, אַז בְּהֶמְשֵׁךְ הַדּוֹרוֹת אִיז אִין דֶעם צוּגֶעקוּמֶען מֶער אוּן מֶער, בִּיז אַז בְּדוֹרֵנוּ זֶה אִיז צוּגֶעקוּמֶען דֶער בִּירוּר אוֹיךְ פוּן מְדִינַת צָרְפַת, אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען

32. In the original, "*Yiddishkeit*."

33. In the Hebrew original, "*al taharas hakodesh*"; meaning, "uncompromised holy purity."

most sordid of places, and its customs were then in conflict with pious conduct, etc. (for which reason the Alter Rebbe had opposed a French victory over Russia), still, in our generation, Jews have settled in that country (with the strength of the Previous Rebbe, as will be explained), and refined and purified it. In fact, they have done so to the extent that, on the contrary, they have utilized the local customs ("abide by its customs") for the purpose of boosting the diffusion of Torah and Jewish values, and the dissemination of Chassidus.[34]

אַ מָקוֹם תַּחְתּוֹן בְּיוֹתֵר און דִי מִנְהָגֵי הַמָּקוֹם זַײַנֶען גֶעווֶען דַאמָאלְס אַ סְתִירָה צוּ עִנְיָנֵי יִרְאַת שָׁמַיִם כו' (וָואס דֶערְפַאר הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי מְנַגֵד גֶעווֶען צוּ דֶעם נִצָּחוֹן פוּן צָרְפַת), הָאבְּן אִידְן בְּדוֹרֵנוּ זֶה (בְּכֹחַ פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ, כְּדִלְקַמָּן) זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶער מְדִינָה און אִיר מְבָרֵר גֶעווֶען און מְזַכֵּךְ גֶעווֶען, בִּיז אַז אַדְּרַבָּה - מְ'הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי מִנְהָגֵי הַמָּקוֹם ("הַלֵּךְ בְּנִימוּסֵיהּ") אוֹיף מוֹסִיף זַײַן אִין הֲפָצַת הַתּוֹרָה וְהַיַּהֲדוּת און הֲפָצַת תּוֹרַת הַחֲסִידוּת.

## The Power Of Outreach

7. The ability to achieve this goal stems from the Previous Rebbe, the *Nasi Doreinu*,[35] who conducted himself similarly:

ז. וְיֵשׁ לוֹמַר אַז דֶער כֹּחַ אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶערְפוּן וָואס אַזוֹי אִיז גֶעווֶען דֶער סֵדֶר בַּא דֶעם נְשִׂיא הַדּוֹר אַלֵיין, כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר:

Our earlier Chassidic leaders, up until the Previous Rebbe had made their permanent residence in Russia. Even when they left the country — beginning with the Rebbe Maharash[36] — they did so only temporarily, with the intention of returning.

דֶער מָקוֹם קָבוּעַ פוּן רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ בִּיז כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר אִיז גֶעווֶען אִין מְדִינַת רוּסְיָא. אֲפִילוּ וֶוען מְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן מְדִינָה הַהִיא - וָואס דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דֶעם רֶבִּי'ן מַהֲרַ"שׁ[כט] - אִיז דָאס גֶעווֶען נָאר בְּאוֹפֶן עֲרַאי, עַל מְנָת לַחֲזוֹר.

During his leadership, the Previous Rebbe introduced a novelty not seen with his predecessors in that he permanently left Russia, and settled in other countries. In general, the years of his leadership can be divided into three periods of approximately ten years each (as discussed once previously):[37] In the first period (5680-5688)[38] — he lived principally in Russia. During the second, (5688-5700),[39] he lived primarily in Poland. And in the third, (5700-5710),[40] he lived in the United States of America.

בַּא נְשִׂיא דוֹרֵנוּ אִיז צוּגֶעקוּמֶען דֶער חִידּוּשׁ לְגַבֵּי דִי נְשִׂיאִים שֶׁלְּפָנָיו - אַז עֶר הָאט עוֹקֵר גֶעווֶען מְקוֹמוֹ פוּן מְדִינַת רוּסְיָא, און הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת. וּבִכְלָלוּת - זַײַנֶען בִּשְׁנוֹת נְשִׂיאוּתוֹ גֶעווֶען דְרַיי תְּקוּפוֹת, פוּן לְעֶרֶךְ עֶשֶׂר שָׁנִים (ווִי גֶערֶעדְט אַמָאל[ל]): דִי עֶרְשְׁטֶע תְּקוּפָה (תר"פ-תרפ"ח) - בְּעִיקָר אִין רוּסְלַאנְד, דִי צְווֵייטֶע תְּקוּפָה (תרפ"ח-ת"ש) - אִין פּוֹלִין, און דִי דְרִיטֶע תְּקוּפָה (ת"ש-תש"י) - אִין אַרְצוֹת הַבְּרִית.

---

34. Meaning, aside from the French customs and culture having no negative affect, but moreover, they were sublimated.

35. Lit. "the leader of our generation."

36. See *Sefer Hatoldos Admor Maharash* (Kehot, 5730), pp. 39, 42, 52.

37. *Likkutei Sichos*, vol. 18, p. 303, et passim.

38. 1920-1928

39. 1928-1940

40. 1940-1950

In the context of the discussion above — that wherever a person finds himself, he must use[41] the customs and dispositions of the locale ("abide by its customs") — changes were introduced from one place to next, in how the work of disseminating the knowledge and values of Torah and Judaism was carried out, as well as in how the wellsprings of Chassidus were disseminated. The manner shifted to conform to where he had settled.

We can posit that since the *Nasi Doreinu* himself adopted different approaches to his work, beginning with Russia (the place of his forebears), where all the preceding Chabad Rebbeim had carried out their work, up until the United States, the lower hemisphere, where he continued his work — this empowered others to purify all the places on the globe, even the lowest of places, such as France, and so on.

This was the novelty introduced in our generation, relative to the generation of the Alter Rebbe (and in general, earlier generations) — and seen clearly in connection with France:

The refinement and purification accomplished regionally through the *avodah* of disseminating Torah and Judaism, and the wellsprings of Chassidus outward, over a number of generations since the time of the Alter Rebbe, also indirectly refined and purified the entire world (following a top-down dynamic).[42] Moreover, and of principal importance: As we get closer to the final redemption when the refinement of the entire world will be achieved — in our generation, we have been infused with the additional power of a higher sort from the Previous Rebbe, *Nasi Doreinu*, to refine even France.

וְעַל פִּי הַמְדוּבָּר לְעֵיל, אַז בְּכָל מָקוֹם דַארְף זַיְין דִי הִתְלַבְּשׁוּת לוֹיט דִי מִנְהָגִים וּתְכוּנוֹת הַמָּקוֹם ("הַלֵּךְ בְּנִימוּסֵיהּ"), זַיְינֶען גֶעוֶוען שִׁינּוּיִים מִמָּקוֹם לְמָקוֹם אִין דֶעם אוֹפֶן הָעֲבוֹדָה פוּן הֲפָצַת הַתּוֹרָה וְהַיַּהֲדוּת אוּן הֲפָצַת הַמַּעְיָנוֹת חוּצָה, בְּהֶתְאֵם צוּ דֶעם מָקוֹם וואוּ עֶר הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט.

וְיֵשׁ לוֹמַר, אַז וויבַּאלְד אַז בַּא נְשִׂיא דוֹרֵנוּ עַצְמוֹ אִיז גֶעוֶוען דִי הִתְלַבְּשׁוּת אִין פַארְשִׁידֶענֶע אוֹפַנֵּי הָעֲבוֹדָה, פוּן רוּסְלַאנְד (מְקוֹם אֲבוֹתָיו), וואוּ אַלֶע רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ הָאבְּן גֶעטָאן עֲבוֹדָתָם, בִּיז אִין אַרְצוֹת הַבְּרִית, חֲצִי כַּדּוּר הַתַּחְתּוֹן - הָאט דָאס גֶעגֶעבְּן דֶעם כֹּחַ צוּ אוֹיפְטָאן דֶעם בֵּירוּר פוּן כָּל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אוֹיךְ אִין דֶעם תַּחְתּוֹן בְּיוֹתֵר, ווִי מְדִינַת צָרְפַת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה.

אוּן דָאס אִיז דֶער חִידּוּשׁ פוּן דוֹרֵנוּ זֶה לְגַבֵּי דֶעם דוֹר פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן (אוּן דִי דוֹרוֹת שֶׁלִּפְנֵי זֶה בִּכְלַל) - ווִי מְ'זֶעט עֶס בְּגָלוּי בְּיַחַס צוּ מְדִינַת צָרְפַת:

לְאַחֲרֵי דֶער בֵּירוּר וְזִיכּוּךְ וואָס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטָאן דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן הֲפָצַת הַתּוֹרָה וְהַיַּהֲדוּת וַהֲפָצַת הַמַּעְיָנוֹת חוּצָה בְּמֶשֶׁךְ כַּמָּה וְכַמָּה דוֹרוֹת פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן, וואָס דִי עֲבוֹדָה הָאט אוֹיפְגֶעטָאן אַ בֵּירוּר וְזִיכּוּךְ אוֹיךְ בְּכָל הָעוֹלָם (בְּדֶרֶךְ מִלְמַעְלָה לְמַטָּה), וְעוֹד וְעִיקָר: קוּמֶענְדִיק אַלְס נֶעעֶנְטֶער צוּ דֶער גְאוּלָּה ווֶען עֶס ווֶעט זַיְין שְׁלֵימוּת הַבֵּירוּר פוּן כָּל הָעוֹלָם - הָאט מֶען בְּדוֹרֵנוּ זֶה בַּאקוּמֶען פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ נָאךְ אַ הֶעכֶערְן כֹּחַ, צוּ אוֹיפְטָאן דֶעם בֵּירוּר אוֹיךְ פוּן מְדִינַת צָרְפַת.

41. Lit., "garb himself."

42. In the original Hebrew, "*mille-maalah le'matah*"; referring here to a transformation initiated externally, from a higher source. As such, the transformation is not internalized, but it has the advantage that a change in the lower realm can be effected from afar. Frequently, a change initiated from below (and thus internalized by the lower plane) needs to be preceded by influence (an "awakening") coming from above.

More generally, this *avodah* began with the Rebbe Maharash.[43] For as known,[44] he traveled to France several times, and while there (aside from contemplating and advancing Chassidic doctrine) influenced Jews to return to their ancestral religion.[45] Afterward, further refinements were made by the Rebbe Rashab, who visited France many times, and is where eventually (in Menton) he formulated the outline of his Chassidic *maamarim*[46] known as the *Series 5672*.[47] It was there, too, that he penned part of that series.[48]

In our generation, the key and complete refinement in a permanent, settled, and inward way[49] was achieved by the Previous Rebbe. Aside from having visited France occasionally, delivering Chassidic discourses and talks — he also dispatched family members as emissaries to France. They stayed there for several years,[50] and pursued their mission of learning the revealed and inner dimensions of the Torah. Similarly, the Previous Rebbe forwarded their copies of his Chassidic writings and letters. Also, various publications were prepared for print in France. [As discussed a number of times, the printed medium has advantages — it enjoys greater distribution, reaching a wider readership to whom this format is suited. In contrast, copies in longhand are only available to a select few — to those

וּבִכְלָלוּת יוֹתֵר - הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲבוֹדָה בְּזֶה נָאךְ פוּן דֶעם רֶבִּי'ן מַהֲרַ"שׁ[לא], כַּיָדוּעַ[לב] אַז עֶר אִיז עֶטְלֶעכֶע מָאל גֶעפָארְן אִין צָרְפַת אוּן הָאט דָארְט גֶעמַאכְט בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה (נוֹסָף לְזֶה וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעטְרַאכְט אוּן אוֹיפְגֶעטָאן עִנְיָנִים אִין תּוֹרַת הַחֲסִידוּת), אוּן דֶערְנָאךְ נָאכְמֶער דוּרְךְ דֶעם רֶבִּי'ן (מְהוֹרַשַׁ"ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, וָועלְכֶער אִיז דָארְט גֶעוָועֶן מֶערֶערֶע מָאל, בִּיז אַז דָארְט (אִין מֶענְטָאן) אִיז גֶעוָועֶן דֶער "בִּנְיָן" פוּן הֶמְשֵׁךְ תֶּעֶרַ"ב הַיָדוּעַ[לג], אוּן עֶר הָאט דָארְטְן אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ חֵלֶק פוּן דֶעם הֶמְשֵׁךְ[לד].

אוּן עִיקַר וּשְׁלֵימוּת הַבִּירוּר - בְּאוֹפֶן שֶׁל קְבִיעוּת וְהִתְיַשְּׁבוּת וּבְאוֹפֶן פְּנִימִי[לה], בִּיז בְּאוֹפֶן פוּן הֲפָצָה - הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטָאן בְּדוֹרֵנוּ, דוּרְךְ כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ, וָואס - נוֹסָף לְזֶה וָואס עֶר אִיז גֶעוָועֶן אִין צָרְפַת כַּמָּה פְּעָמִים, אוּן הָאט דָארְט גֶעזָאגְט מַאֲמָרֵי חֲסִידוּת[לו] אוּן שִׂיחוֹת[לז] - הָאט עֶר דָארְטְן גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים מִבְּנֵי בֵּיתוֹ, וָועלְכֶע הָאבְּן דָארְט גֶעלֶעבְּט כַּמָּה שָׁנִים[לח], אוּן עוֹבֵד גֶעוָועֶן עֲבוֹדָתָם בְּלִימּוּד נִגְלֶה דְתוֹרָה וּפְנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעשִׁיקְט כִּתְבֵי חֲסִידוּת וְאִגְּרוֹת קוֹדֶשׁ שֶׁלּוֹ, אוּן דָארְט זַיְינֶען אוֹיךְ צוּגֶעגְרֵייט גֶעוָוארְן כַּמָּה עִנְיָנִים לִדְפוּס[לט] [כִּמְדוּבָּר כַּמָּה פְּעָמִים דִי מַעֲלָה פוּן אַ דָבָר שֶׁבִּדְפוּס לְגַבֵּי אַ כְּתַב יַד, אַז דָאס דֶערְגְרֵייכְט צוּ אַ רִיבּוּי גָּדוֹל יוֹתֵר מֶענְטשְׁן אוּן אִיז צוּ זֵיי מֶער צוּגֶעפַּאסְט, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ כְּתַב יַד, וָואס אִיז שַׁיָיךְ נָאר צוּ יְחִידֵי סְגוּלָּה בַּא וָועמֶען עֶס לִיגְט דֶער כְּתַב אוּן וָועלְכֶע קֶענֶען דָאס

43. **Interesting to note that a number of the earlier Rebbeim spoke French. See *Sefer Hatoldos*, loc. cit., p. 42. See *Iggros Kodesh* of the Rebbe Rashab, vol, 4, p. 246. (It describes how when the Rebbe Rashab and his son, the Previous Rebbe, were once in France, they spoke in French over a span of four hours.)**

44. *Sefer Hatoldos*, **loc. cit., p. 42.**

45. Lit. "*making baalei teshuvah*."

46. This series of discourses is regarded as one of the most erudite and penetrating, systematic elucidations of mystical subjects.

47. **See *Likkutei Dibburim,* vol. 2, p. 301a, 305a.**

48. **See *Iggros Kodesh*, loc cit., vol. 2, p. 753.**

49. **In contrast, the Rebbe Maharash and Rashab did not dwell there permanently, etc.** unlike the Previous Rebbe who sent his emissaries to live there for several years.

50. **At the end of the winter of 5693, the Rebbe and his righteous wife, Chaya Mushka, may their merit protect us, settled in France, living there for about eight years, until 5701 — the Publisher.**

who can get a hold of them and who can decipher them. In particular, when material is printed for the first time, it is particularly precious, and naturally piques one's curiosity.][51] This was aside from several Torah essays that were written there and (later) published.

In general, they refined and purified the country by dressing their activities in native garb — "abide by its customs" — doing so specifically with piety[52] and grace,[53] in order to ensure that the refinement was inward and self-propelled.[54] These accomplishments were trailblazing and provided the power to break and transform the strong *klipah* of France.

The full revelation of this was achieved after the Previous Rebbe arrived in the United States, the lower hemisphere, and established there (in France) Yeshivas Tomchei Temimim, and other institutes; and appointed and dispatched emissaries for the purpose of settling there, building institutes, and propagating Torah and Judaism, in general, and Chassidus doctrine, in particular. We see empirically, especially during the last several years, the great and widespread success in all the programs aimed at publicizing Torah, Judaism, and the wellsprings all over France, and in other countries, continually increasing to suffuse light.

The success has grown to the extent that in addition to the *Nasi Doreinu* conferring the ability to channel holiness into the lower realm (doing so in a way that the holiness is drawn from elsewhere, from the home base of the *Nasi Doreinu*) — he confers the ability for

לייענען. ובפרט בשעת מ'דרוקט אפ א דבר חדש, וואס דאס האט אין א זיך א חביבות מיוחדת וועלכע ערוועקט סקרנות בטבע האדם[מ]], נוסף אויף כמה וכמה דברי תורה וואס זיינען דארט געשריבן געווארן און (דערנאך) ארויס לדפוס,

ובכללות - האט מען דארט אויפגעטאן א בירור וזיכוך בדרך התלבשות דורך "הלך בנימוסיה", ודוקא מתוך יראת שמים והידור, בכדי אויפטאן דעם בירור באופן פנימי, מיניה וביה, וועלכער האט דורכגעבראכן די וועג און גיט דעם כח צו צוברעכן און מהפך זיין דעם תוקף הקליפה.

און דער גילוי דערפון בשלימות איז ארויסגעקומען לאחרי וואס כבוד קדושת מורי וחמי אדמו"ר איז אנגעקומען אין ארצות הברית, אין חצי כדור התחתון, און האט דארט (אין צרפת) מיסד געווען ישיבת תומכי תמימים און נאך מוסדות, און ממנה געווען און געשיקט שלוחים צו זיך דארט באזעצן און אויפבויען די מוסדות און מפיץ זיין תורה ויהדות בכלל און תורת החסידות במיוחד - ווי מ'זעט במוחש, ובפרט בשנים האחרונות, די הצלחה גדולה ומרובה אין די אלע פעולות פון הפצת התורה והיהדות והמעינות חוצה אין מדינת צרפת, ועוד מדינות, באופן דהולך ומוסיף ואור.

ביז אין אן אופן, אז נוסף אויף דעם וואס נשיא דורנו גיט כח צו ממשיך זיין קדושה אויך אין דעם תחתון (וואס דאס קען דאך אבער זיין אין אן אופן אז די קדושה ווערט דארט נמשך דוקא ממקום שני, דער מקום פון נשיא דורנו) - גיט ער כח אז

51. **Although at the beginning, it is natural (in the nature of non-Jews, as well) to be curious, *Rambam* codifies ("Laws of Divorce," end of ch. 2) that the inner-will of every Jew is to keep Torah and *mitzvos*. So understandably, on a deeper level, Torah literature lures a person because of his essential nature to learn and examine Torah material.**

52. In the Hebrew original, "*yirei Shamayim*"; lit., "fear of Heaven."

53. In the Hebrew original, "*hidur*"; lit., "embellishment," a term indicating that a *mitzvah* is performed meticulously.

54. In the original, terse Aramaic, "*minei u'bei*."; lit., "from it, and from inside itself."

**the outpost** France, etc. **itself to be made into a bedrock and fountain of Torah. This was achieved by the founding of *Yeshivas Tomchei Temimim* there, which replicated the original *yeshiva* in the town of Lubavitch as if it was the genuine article. So there was no need for having to draw inspiration from the archetype since the new *yeshiva* precisely mirrored the original.**

**In addition, Torah essays are being published there now (as also in the past), both in *nigleh*[55] and in Chassidus, including original Torah ideas. This also underscores how France, etc., has become a reservoir of Torah matters for the entire world. Others also receive Torah material published over there, and so can review the Torah thoughts printed, and benefit thereby.[56]**

**As discussed, the successes enjoyed in France today are the yield of the seeds planted in earlier years[57] by the Previous Rebbe, *Nasi Doreinu*. Being the leader of our generation, and a *Nasi* is everything,[58] he imparted the power of the Essence to *all* his contemporaries, enabling them to refine the entire world, even the nethermost of places, to the point that the Essence itself is manifest, as discussed above.**

אִין דֶעם מָקוֹם גוּפָא הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ מָקוֹם וּמָקוֹר אוֹיף תּוֹרָה, דוּרְךְ מְיַסֵד זַיְין דָארְט יְשִׁיבַת תּוֹמְכֵי תְמִימִים, אַזוֹי ווִי אִין לְיוּבַּאווִיטשׁ לְכַתְּחִלָּה[מא], כְּאִלוּ ווִי דָאס ווֶערְט זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיק, אוּן דַארְף נִיט אָנְקוּמֶען צוּ דֶער הַשְׁפָּעָה פוּן דֶעם מָקוֹר, ווָארוּם עֶס ווֶערְט פּוּנְקְט ווִי דֶער עִנְיָן אַלֵיין.

וְנוֹסָף לְזֶה - דְרוּקְט מֶען דָארְט (אוּן מְ'הָאט אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיךְ בְּעָבַר) דִבְרֵי תוֹרָה, בְּתוֹרַת הַנִגְלֶה וְתוֹרַת הַחֲסִידוּת, כּוֹלֵל - חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, ווָאס דָאס אִיז אוֹיךְ מַדְגִישׁ ווִי צָרְפַת וכו' ווֶערְן אַ מָקוֹר אוֹיף עִנְיָנֵי תּוֹרָה לְכָל הָעוֹלָם כֻּלוֹ, אַז אַנְדֶערֶע זַיְינֶען מְקַבֵּל פוּן דִי עִנְיָנֵי תּוֹרָה ווָאס מְ'דְרוּקְט דָארְטְן אָפּ, אוּן קֶענֶען אִין דֶעם לֶערְנֶען וְאוֹתִיּוֹת מַחְכִּימוֹת[מב] וכו'.

וְכָאָמוּר לְעֵיל, דִי אוֹיפְטוּאוּנְגֶען דָארְט אִיצְטֶער זַיְינֶען דֶער גִילוּי בְּפוֹעַל פוּן דִי כֹּחוֹת ווֶעלְכֶע כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ הָאט דָארְט אַרַיְינְגֶעלֵייגְט בְּשָׁנִים שֶׁלְּפְנֵי זֶה[מג]. ווָאס זַיְיעֶנְדִיק דֶער נְשִׂיא הַדוֹר וְהַנָשִׂיא הוּא הַכֹּל[מד] - גִיט עֶר דֶעם כֹּחַ הָעֶצֶם צוּ כָּל אַנְשֵׁי הַדוֹר צוּ אוֹיפְטָאן דֶעם בִּירוּר בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלוֹ, אוֹיךְ אִין דֶעם מָקוֹם הֲכִי תַּחְתּוֹן. בִּיז אִין אַן אוֹפֶן אַז אִין דֶעם מָקוֹם ווֶערְט נִתְגַלֶה דֶער עֶצֶם אַלֵיין, כַּנַ"ל.

## How To Really Clean House

**8. We may posit that this refinement [specifically, its two aspects: (a) refining the lower plane (but in a way that it remains on the bottom), and (b) the revelation of the Essence in the lower plane, so the lower plane becomes**

ח. וְיֵשׁ לוֹמַר אַז דָאס [וּבִפְרָטִיּוּת - דִי צְווֵיי עִנְיָנִים אִין דֶעם בִּירוּר: (א) בִּירוּר הַתַּחְתּוֹן (אָבֶּער בְּאוֹפֶן אַז עֶר בְּלַיְיבְּט תַּחְתּוֹן), אוּן (ב) גִילוּי הָעֶצֶם אִין דֶעם תַּחְתּוֹן, אַזוֹי אַז עֶר ווֶערְט אֵיין זַאךְ מִיט

55. The revealed dimension of Torah: the Talmud, *halachah*, etc.

**56.** In the Hebrew original, "*osios machkeemos*"; lit., "looking at the printed) letters imparts knowledge." ***Shelah* 191b; *Migdol Oz*, "*Hilchos Ishus*," ch. 4, par. 9.**

**57. Note what Rebbetzin Chaya Mushka, נ"ע, told a *shlucha* in France: "We ploughed and we sowed;** now **you need to harvest." — the Publisher.**

**58. See Rashi on *Bamidbar* 21:21.** Meaning, a *Nasi,* in a sense, personifies the entire Jewish nation.

one with the higher realm] is also alluded in the very name of the country "France," in Hebrew, **צרפת**:

The word **צרפת** is cognate to the word **צירוף**, which denotes distillation,[59] refinement and purification, alluding to the Redemption, as it says,[60] "They will be refined and elucidated, and many will seek to distill them," since the Redemption will arrive when we have finished to refine and distill the entire world (as discussed in Section 1).

To add (jocularly and by way allusion): **צרפת** is numerically equivalent to seven-hundred and seventy (770), which is the perfect form of the number seven, as this number is expressed in the unit of 10's (70), and the unit of 100's (700), and then the sum of both (770). This numerical link alludes to the fact that through the refinement of these nations, the refinement of the entire world, together with all of its multifaceted aspects made during the seven days of creation, has been completely finished.

Moreover, "770" is the house number in which the Previous Rebbe, *Nasi Doreinu*, lived and worked for the last ten years of his life in this world, the United States of America (the lower hemisphere). This alludes, possibly, to the other (higher) aspect of the refinement and distillation process [in addition to refining the lower level, but in a way that it still remains lower in relation to the higher]. Meaning, the refined entity becomes similar to the essence (770) itself, the home of *Nasi Doreinu*, which serves as the central hub spreading the wellsprings nowadays to the furthest reaches of the world.

What more is that the above idea is further emphasized in the context of the directive to "abide by its customs": the characteristics of the

דֶעם עֶלְיוֹן] אִיז אוֹיךְ מְרוּמָּז אִין דֶעם וָואָרְט "צָרְפַת":

"צָרְפַת" אִיז פוּן לְשׁוֹן צִירוּף, וָואס בַּאַדַייְט דֶעם עִנְיָן פוּן צִירוּף וּבִירוּר וְזִיכּוּךְ, ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּנּוֹגֵעַ צוּ דֶער גְאוּלָּה[מה] - "יִתְבָּרְרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים". וָואס דִי גְאוּלָּה קוּמְט דָאךְ דוּרְךְ דֶער שְׁלֵימוּת הַבִּירוּר וְהַצִּירוּף פוּן כָּל הָעוֹלָם (כַּנַּ"ל סְעִיף א).

וּלְהוֹסִיף (עַל דֶּרֶךְ הַצַּחוּת וְהָרֶמֶז): "צָרְפַת" אִיז אוֹיךְ בְּגִימַטְרִיָּא שֶׁבַע מֵאוֹת וְשִׁבְעִים (770), דִי שְׁלֵימוּת פוּן מִסְפַּר שֶׁבַע, ווִי כָּל א' אִיז כָּלוּל מֵעֶשֶׂר (שִׁבְעִים), אוּן כָּל א' אִיז כָּלוּל מִמֵּאָה (שֶׁבַע מֵאוֹת), אוּן שְׁנֵיהֶם יַחַד (שֶׁבַע מֵאוֹת וְשִׁבְעִים). וְיֵשׁ לוֹמַר אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז אִין דֶעם בִּירוּר פוּן דִי מְדִינוֹת, וֶוערְט נִגְמָר וְנִשְׁלָם בִּירוּר כָּל הָעוֹלָם שֶׁנִּבְרָא בְּשִׁבְעַת יְמֵי הַבִּנְיָן בְּכָל הַפְּרָטִים וּפְרָטֵי פְּרָטִים.

נָאכְמֶער: "770" - אִיז דֶער מִסְפַּר הַבַּיִת פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ, וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אוּן עוֹבֵד גֶעוֶוען עֲבוֹדָתוֹ בְּעֶשֶׂר שָׁנִים הָאַחֲרוֹנוֹת בַּחַיִּים חַיּוּתוֹ בְּעַלְמָא דֵין אִין אַרְצוֹת הַבְּרִית (חֲצִי כַּדּוּר הַתַּחְתּוֹן). וְיֵשׁ לוֹמַר אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם צְווֵייטְן (הֶעכֶערְן) עִנְיָן אִין דֶעם בִּירוּר וְצִירוּף [נוֹסָף אוֹיף דֶעם בִּירוּר הַתַּחְתּוֹן בְּיוֹתֵר, אָבֶּער בְּאוֹפֶן אַז עֶר בְּלַייבְּט אַ תַּחְתּוֹן בְּעֶרֶךְ צוּ דֶעם עֶלְיוֹן], אַז דָאס וֶוערְט אַזוֹי ווִי דֶער עֶצֶם ("770") אַלֵיין, דֶער בַּיִת פוּן נְשִׂיא דוֹרֵנוּ, דֶער מָקוֹר אוֹיף הֲפָצַת הַמַּעְיָנוֹת חוּצָה בִּזְמַן הַזֶּה בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל.

וְיֵשׁ לְהוֹסִיף, אַז דֶער עִנְיָן שְׁטֵייט נָאכְמֶער בְּהַדְגָּשָׁה אִין "הַלֵּךְ בְּנִימוּסֵיהּ":

59. or smelting, a process by which metal is extracted from ore.

**60. *Daniel* 12:10.**

**locale are employed positively — used to uncover the core (of the very Essence) in the place so that one senses that the place has become self-sustaining regarding all matters of Torah and *mitzvos*. (This recognition would be analogous to the advantage of a created being who feels his existence to be independently real** "established" and permanent.[61] **A created being feels this way because his source derives from His blessed Essence. As such, the created being experiences a feeling actually associated with Hashem, "Whose being is of His Essence,[62] and is not brought into being by some other cause preceding Himself.")[63]**

מֶען נוּצְט אוֹיס דִי תְּכוּנוֹת הַמָּקוֹם גוּפָא לְמַעַלְיוּתָא - צוּ מְגַלֶּה זַיְין דֶעם עֶצֶם (פוּן עַצְמוּת וּמַהוּת) אִין דֶעם מָקוֹם, אַזוֹי אַז עֶס הֶערְט זִיךְ אָן ווִי דֶער אָרְט ווֶערְט "זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיק" בְּכָל עִנְיָנֵי תּוֹרָה וּמִצְווֹת (עַל דֶּרֶךְ דִי מַעֲלָה אִין דֶעם יֵשׁ הַנִּבְרָא ווָאס עֶר אִיז מַרְגִּישׁ ווִי "מְצִיאוּתוֹ מֵעַצְמוּתוֹ", ווִיבַּאלְד אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ ווָאס "מְצִיאוּתוֹ[מו] הוּא מֵעַצְמוּתוֹ וְאֵינוֹ עָלוּל מֵאֵיזֶה עִלָּה שֶׁקָּדְמָה לוֹ חַס וְשָׁלוֹם"[מז]).

**The two concepts are interdependent: In order to refine the lowest level, the power of the Essence must be tapped. Since from the vantage point of** Divinely delineated **revelations, there is a distinction between higher and lower; therefore, G-dliness can only be elicited into a suitable vessel. In contrast, with the power of the Essence (which surpasses classifications of "higher" or "lower"), a person can refine and purify even the nethermost place, a place that is not a suitable vessel. Moreover, the Essence itself can be drawn there. Similarly, the converse is also true — specifically, by** refining **the lowest level does the Essence become manifest. In turn, this enables the refinement of everything in the entire world.**

וְיֵשׁ לוֹמַר שֶׁהָא בְּהָא תַּלְיָא: בִּכְדֵי אוֹיפְטָאן דֶעם בִּירוּר פוּן דֶעם תַּחְתּוֹן בְּיוֹתֵר, דַארְף מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם כֹּחַ הָעֶצֶם. מִצַּד בְּחִינַת הַגִּילוּיִים - ווָאוּ סְ'אִיז דָא אַ חִילּוּק בֵּין עֶלְיוֹן וְתַחְתּוֹן - קֶען מֶען מַמְשִׁיךְ זַיְין אֱלֹקוּת אִין אַ מָקוֹם ווֶעלְכֶער אִיז אַ כְּלִי מוּכְשָׁר לְזֶה; מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּכֹחַ הָעֶצֶם (שֶׁלְּמַעְלָה מֵעֶלְיוֹן וְתַחְתּוֹן) קֶען מֶען מְבָרֵר וּמְצָרֵף זַיְין אֲפִילוּ אַ מָקוֹם תַּחְתּוֹן ווָאס אִיז נִיט קֵיין כְּלִי, בִּיז נָאכְמֶער - מַמְשִׁיךְ זַיְין דָארְט דֶעם עֶצֶם אַלֵיין. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לְאִידָךְ: דַּוְקָא דוּרְךְ דֶעם מָקוֹם הֲכִי תַּחְתּוֹן - ווֶערְט נִתְגַּלֶּה דֶער עֶצֶם, ווָאס טוּט אוֹיף דֶעם בִּירוּר בְּכָל הָעוֹלָם.

## Twofold Preparation For Redemption — The Ultimate Refinement

**9. In this context, we can also better understand the consummate refinement of the entire world at the time of Redemption, a time concerning which it says,[64] "The saviors will ascend Mount Zion to rule Mount Eisav. Then the kingdom will be Hashem's": This ultimate refinement depends upon and finds**

ט. עַל פִּי זֶה ווֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין אוֹיךְ: דִי שְׁלֵימוּת הַבִּירוּר פוּן כָּל הָעוֹלָם אִין דֶער גְאוּלָּה - "וְעָלוּ מוֹשִׁיעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפּוֹט אֶת הַר עֵשָׂו וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה" - אִיז תָּלוּי אוּן דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס אִין דֶעם בִּירוּר

61. Not that the feeling of selfhood is itself the intrinsic advantage. Rather, the feeling of selfhood is a reflection of the person's intrinsic connection with Hashem in whom this quality reflects the truth.

62. *Tanya*, "*Iggeres HaKodesh,*" sec. 20 (130b, at the beginning).

63. See *Sefer Hasichos — Toras Shalom*, p. 120 ff,; *Series 5672*, p. 1144; *Sefer Hamaamarim 5707*, p. 238, et al.

64. *Ovadiah* 1:21.

בְּדֶרֶךְ הִתְלַבְּשׁוּת פוּן גָלוּת "צָרְפַת" - וּבִשְׁנֵי הָעִנְיָנִים הַנַּ"ל: (א) זַיְיעֶנְדִיק דֶער מָקוֹם תַּחְתּוֹן בְּיוֹתֵר ווֶערְט דוּרְךְ אִים אוֹיפְגֶעטָאן גְּמַר וּשְׁלֵימוּת הַבִּירוּרִים פוּן כָּל הָעוֹלָם, כִּמְרוּמָּז בִּשְׁמוֹ "צָרְפַת" מִלְּשׁוֹן צִירוּף וּבִירוּר. (ב) אִין דֶעם בִּירוּר פוּן צָרְפַת (בְּגִימַטְרִיָּא "770") אִיז אוֹיךְ מְרוּמָּז דֶער גִילוּי וואָס גִיט דֶעם כֹּחַ צוּ מְבָרֵר זַיְין כָּל הָעִנְיָנִים בִּשְׁלֵימוּת, בִּיז בְּאוֹפֶן אַז בְּכָל מָקוֹם וּמָקוֹם אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דֶעם גִילוּי הָעֶצֶם.

expression in the refinement that occurs nowadays **through our investment in the customs found in the exile of "France," צרפת, and in two respects, as discussed: (a) Since "France" represents the lowest plane** the stronghold of *klipah* in the world, **by refining it, we finish and complete the refinement of the whole world, as alluded by its name, צרפת, cognate to the word צירוף, which denotes distillation and refinement. (b) In the refinement of צרפת (numerically equivalent to "770"), the revelation of the Essence is also alluded to. And the Essence is what empowers us to wholly refine all matters to the extent that in place, we elicit the revelation of the Essence.**

## The French National Anthem

י. בִּכְדֵי מַאכְן נָאךְ לַיְיכְטֶער פַאר אַ אִידְן - הָאט מֶען גֶעזֶען אַ דְבַר פֶּלֶא ווֶעלְכֶער דְרִיקְט אוֹיס בְּגָלוּי לְעֵינֵי בָשָׂר דֶעם בִּירוּר וַהֲפִיכָה הַנַּ"ל וואָס מְ'הָאט אוֹיפְגֶעטָאן בִּמְדִינַת צָרְפַת.

**10. To make things even easier for a Jew, we have witnessed a marvel that reveals openly to our fleshly eyes the above-discussed refinement and transformation that has been accomplished in France.**

[אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַן עֶנְטְפֶער צוּ דִי וואָס קְלָאגְן זִיךְ פַארְוואָס מְ'זֶעט הַיְינְט נִיט קֵיין מַעֲשֵׂה נִסִּים (ווִי בְּדוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים). אָט - בְּהַנֶּאֱמַר לְהַלָּן - אִיז דָא אֵיין בַּיְישְׁפִּיל פוּן אַ נֵס, ווֶעלְכֶער בַּאווַיְיזְט ווִי דִי טַעֲנָה אִיז נִיט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן]:

[This phenomenon also serves as a rejoinder to those who lament why we do not see miracles nowadays (as in earlier generations). In what will be described, we see an example of a miracle. This shows that the complaint is groundless.]

סְ'אִיז יָדוּעַ וּמְפוּרְסָם אַז יֶעדֶע מְדִינָה הָאט אִיר נִיגוּן מְיוּחָד, דֶער "נִיגוּן הַמְּדִינָה" [עַל דֶּרֶךְ ווִי דֶער דֶגֶל הַמְיוּחָד שֶׁל כָּל מְדִינָה], ווֶעלְכֶע מְ'זִינְגְט אָדֶער שְׁפִּילְט בַּא אַן אֲסִיפָה אָדֶער מְאוֹרַע רַשְׁמִי, אָדֶער ווֶען דִי תּוֹשָׁבֵי הַמְּדִינָה קְלַיְיבְּן זִיךְ צוּזַאמֶען בַּא מְאוֹרָעוֹת מְסוּיָּמִים רַשְׁמִיִּים, וְעַל דֶּרֶךְ זֶה ווֶען בָּאֵי־כֹּחַ אוּן פָארְשְׁטֵייעֶר פוּן דֶער מְדִינָה פָארְן צוּ אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה.

**As is well-known and public knowledge, every country has its own national anthem [analogous to its own distinctive flag]. This anthem is played or sung at official gatherings or events of national importance, or when citizens of the country assemble at certain official events. For example, when ambassadors or state representatives travel to other countries, and so forth.**

סְ'אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז דֶער נִיגוּן הַמְּדִינָה שְׁטֶעלְט מִיט זִיךְ פָאר אַ דוּגְמָא פוּן דֶער מְדִינָה. וְעַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה ווֶען עֶס

**Understandably, a national anthem symbolizes its country; how much more so is this true of the French national anthem, which**

**was composed during the Revolution, as is known.[65]**

**Particularly, according to the insight provided by the inner dimension of Torah,[66] we know[67] that every (major) country possesses its angelic minister, which is linked with the national anthem chosen by the country.[68]**

**A few years ago,[69] Chassidim began to sing the anthem of France — the anthem of the Revolution — with the lyrics,[70] "Power and trustworthiness to Him who lives forever…. Praise and beauty to Him who lives forever."[71]**

**A short while later, something most astonishing unfolded: France introduced a change into this national anthem.[72]**

**The explanation offered by venerable Chassidim was that once the melody was transformed into something holy (as explained above), the celestial minister and *mazel* of France sensed this. In turn, this precipitated a change being introduced into the song below** on this plane. **Because it was felt that the anthem had become a tune that belonged to the realm of holiness, a *chassidishe* song, which is sung at *chassidishe farbrengens* —**

רֶעדט זִיךְ וועגְן דֶעם נִיגוּן פוּן מְדִינַת צָרְפַת - כְּיָדוּעַ, אַז דֶער נִיגוּן אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוואָרְן בְּעֵת דֶער מַהְפֵּכָה[מח].

וּבִפְרַט עַל פִּי פְּנִימִיּוּת הָעִנְיָנִים - אִיז דָאךְ יָדוּעַ[מט] אַז יֶעדֶע מְדִינָה (גְדוֹלָה) הָאט אִיר שַׂר לְמַעְלָה, וְיֵשׁ לוֹמַר, אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם נִיגוּן הַמְדִינָה, וועלְכֶער אִיז אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פוּן דֶער מְדִינָה[נ].

לִפְנֵי כַּמָּה שָׁנִים[נא] הָאבְּן חֲסִידִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן פוּן מְדִינַת צָרְפַת - דֶער נִיגוּן שֶׁל הַמַּהְפֵּכָה - מִיט דִי ווערְטֶער "הָאַדֶּרֶת וְהָאֱמוּנָה לְחַי עוֹלָמִים . . הַתְּהִלָּה וְהַתִּפְאֶרֶת לְחַי עוֹלָמִים"[נב].

אַ מֶשֶׁךְ זְמַן קָצָר לְאַחֲרֵי זֶה - הָאט פַּאסִירְט אַ דְבַר פֶּלֶא בְּיוֹתֵר: מְדִינַת צָרְפַת הָאט גֶעמַאכְט אַ שִׁינּוּי אִין דֶעם נִיגוּן הַמְדִינָה הַנַּ"ל[נג].

וּבְסִבַּת הַדָּבָר - זַיְינֶען אַלְטֶע חֲסִידִים מַסְבִּיר, אַז לְאַחֲרֵי וואָס דֶער נִיגוּן אִיז נִתְהַפֵּךְ גֶעוואָרְן לִקְדוּשָּׁה (כַּנַּ"ל), הָאט דָאס דֶערְהֶערְט דֶער שַׂר וּמַזָּל לְמַעְלָה פוּן מְדִינַת צָרְפַת, אוּן דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוועֶן לְמַטָּה דֶעם שִׁינּוּי אִין דֶעם נִיגוּן, מִצַּד דֶעם רֶגֶשׁ אַז דָאס אִיז גֶעוואָרְן אַ נִיגוּן וואָס בַּאלַאנְגְט בִּתְחוּם הַקְּדוּשָּׁה, אַ חֲסִידִ'ישֶׁער נִיגוּן, וועלְכֶע מְ'זִינְגְט בַּא חֲסִידִ'ישֶׁע פַארְבְּרֶענְגֶעניִשְׁן,

---

**65. It is noteworthy that this year** 5752/1991 **will mark the 200th year since the composition of this song (in the year 5552).**

**66.** In the succinct Hebrew original, "*al pi pnimius ha'imyanim*."

**67. See *Sefer Hasichos, Toras Shalom*, p. 204: "Every great King, such as our country** Russia, **England, France, and Germany, certainly have** celestial **ministers, etc." See there at length; also see *Igros Kodesh* of the Previous Rebbe, vol. 2, p. 95, et passim.**

**68. See also *Yahel Or* (p. 374), concerning the melodies of Yishmael and Edom ("the songs of Yishmael are depressing, and from this, they take pleasure; whereas, songs of Edom are the opposite: they are joyous") — these melodies are connected with the essential character of these nations.**

**69. During *hakafos* on the night of Simchas Torah, 5734** 1973.

70. From Shabbos morning liturgy, a prayer known in Hebrew, as "*Ha'aderes ve'ha'emunah*".

**71. Analogous to "Napoleon's March." See *Sefer Hasichos 5703*, p. 118, which records that the Alter Rebbe wanted to be informed of the "march" that was sung by the French when they crossed the border into Russia. When this march was sung before the Alter Rebbe, he responded, commenting that this was a song of victory. He concluded — after an interval during which he was in "deep contemplative attachment" — "ultimately, *didan notzach*, victory will be ours!"**

**72. Publishers note:** A few months **after they began to sing, "*Ha'aderes ve'ha'emunah, etc.*," in the year 5734, the French President recommended that because of considerations of respect, it would be worthwhile to slow the tempo of the anthem. In the year 5741, the leader in office at the time reversed the change.**

including *farbrengens* held in the republic of France itself!

We see openly, thereby, the radical change that has taken place in this generation in comparison with the generation of the Alter Rebbe:

This song was taken and transformed into holiness — "Power and trustworthiness to Him who lives forever," and it is sung (to the same rhythm) during *chassidishe farbrengens*, during which words of inspiration are spoken concerning Torah and *mitzvos*, and Chassidic teachings.

The melody has been completely embraced so much so that some people have no clue that this song was borrowed from "someplace." They are under the impression that all along, this was a *chassidishe* song! [From time to time, new *chassidishe* songs are composed by talented individuals. And if such a song is well-received by the public and is sung publicly, the song joins the ranks of *chassidishe* melodies.]

כּוֹלֵל אוֹיךְ - בַּיי הִתְוַעֲדוּיוֹת אִין מְדִינַת צָרְפַת עַצְמָהּ!

דֶערְבַּיי זֶעט מֶען בְּגָלוּי דֶעם שִׁינּוּי לְהַקָּצֶה וואָס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטָאן בְּדוֹרֵנוּ זֶה לְגַבֵּי דֶעם דוֹר פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן:

מֶען הָאט גֶענוּמֶען דֶער נִיגּוּן אוּן אִים מְהַפֵּךְ גֶעוועֶן לִקְדוּשָּׁה - "הָאַדֶּרֶת וְהָאֱמוּנָה לְחַי עוֹלָמִים", אוּן מֶען זִינְגְט אִים (מִיט דִי זֶעלְבֶּע תְּנוּעוֹת) בַּא חֲסִידִ'ישֶׁע פַארְבְּרֶענְגֶענִישְׁן, בַּא וועֶלְכֶע מְ'רֶעדט דִּבְרֵי הִתְעוֹרְרוּת בְּעִנְיָנֵי תּוֹרָה וּמִצְווֹת אוּן תּוֹרַת הַחֲסִידוּת.

וְעַד כְּדֵי כַּךְ, אַז עֶס זַיְינֶען דָא אַזוֹינֶע וואָס ווֵייסְן גָארְנִיט אַז דָאס אִיז אַ נִיגּוּן גֶענוּמֶען פוּן "עֶרְגֶעץ", נָאר מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ חֲסִידִ'ישֶׁער נִיגּוּן מֵעִיקָּרָא [אַז מִזְּמַן לִזְמַן ווֶערְן נִתְחַדֵּשׁ נַיְיעֶ חֲסִידִ'ישֶׁע נִיגּוּנִים דוּרְךְ דִי ווֶעלְכֶע זַיְינֶען מְסוּגָּלִים צוּ מַאכְן אַ גוּטְן נִיגּוּן, אוּן בְּשַׁעַת דָאס ווֶערְט נִתְקַבֵּל עַל יְדֵי הַצִּיבּוּר אוּן מְ'זִינְגְט עֶס בְּצִיבּוּר, ווֶערְט עֶס אַ חֵלֶק פוּן חֲסִידִ'ישֶׁע נִיגּוּנִים]!

## Gratitude For Hashem's Miracles

11. Why do we bring this point up now, especially considering that a Chassid could complain that he was educated to focus on Torah study exclusively? As such, he has no time for other things, including marvels. In fact, they are of scant importance to him.[73]

First of all, we must acknowledge and be grateful to Hashem for His miracles.

In particular, since we are in close proximity to the days of Chanukah, whose aim is to publicize the miracles[74] of Chanukah,[75] consequently,

יא. פַארְוואָס דֶערְמָאנְט מֶען ווֶעגְן דֶעם אִיצְטֶער? וּבִפְרַט אַז אַ חָסִיד קֶען דָאךְ טַעֲנֶה'ן, אַז אִים הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהָאדֶעווֶעט אַז כָּל עִנְיָנוֹ אִיז - לִימּוּד הַתּוֹרָה, עֶר הָאט נִיט קֵיין צַיְיט פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן, כּוֹלֵל אוֹיךְ - מוֹפְתִים, בִּיז אַז זֵיי זַיְינֶען בַּיי אִים גָאר נִיט אַזוֹי תּוֹפֵס מָקוֹם[נד].

אִיז עֶרְשְׁטְנְס - דַארְף זַיְין דִי הַכָּרָה וְהוֹדָאָה לַה' אוֹיף דִי נִסִּים וואָס עֶר טוּט.

וּבִפְרַט ווֶען מְ'שְׁטֵייט בִּסְמִיכוּת לִימֵי הַחֲנוּכָּה, וואָס עִנְיָנָם אִיז "פִּרְסוּמֵי נִיסָא"[נה] -

73. See *Igros Kodesh* of the Previous Rebbe, vol. 2, p. 94; *Sefer Hamaamarim 5709*, p. 43 (the second pagination scheme); *Sichah Shabbas parshas Savo*, 5747 (*Hisvaadius* 5747, vol. 4, p. 340, et passim); *Kuntres Shivas HaToros Sheh'amar Moreinu HaBaal Shem Tov Be'Gan Eiden* (Kehot, 5752).

74. *Shabbos* 21b, and Rashi, ad loc.

75. In the original Aramaic, "*pirsumah nisah.*"

**even if someone maintains that during the rest of the year, there should not be such an emphasis on publicizing miracles (as is evident from the fact that this is the thrust of Chanukah and Purim, and so forth), however, during the days of Chanukah, miracles are indeed publicized. And we may posit that publicizing miracles is not limited to the miraculous, military victory, and the miracle of Chanukah (with the jug of oil). Rather, we are to bring to the attention of the public all the miracles that Hashem performs for the Jewish people — "in those days and in our times."[77]**

אִיז אֲפִילוּ אִם תִּמְצֵי לוֹמַר אַז בִּשְׁאָר יְמֵי הַשָּׁנָה דַארְף נִיט זַיְין אַזַא הַדְגָּשָׁה אוֹיף פִּרְסוּמֵי נִיסָא (כִּדְמוּכָח מִזֶּה גוּפָא אַז דָאס אִיז עִנְיָנוֹ פוּן חֲנוּכָּה וּפוּרִים וְכַיּוֹצֵא בָזֶה) - אִיז אָבֶער בִּימֵי הַחֲנוּכָּה, דַארְף זַיְין פִּרְסוּמֵי נִיסָא, וְיֵשׁ לוֹמַר - אַז דָאס אִיז כּוֹלֵל נִיט נָאר דֶעם נֵס הַמִּלְחָמָה וְהַנֵּס דַחֲנוּכָּה (פוּן פַּךְ הַשֶּׁמֶן), נָאר פִּרְסוּמֵי נִיסָא אִין אַלֶע נִסִּים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט פַאר אִידְן - "בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה".

**Furthermore, and this is critical: the recognition, thanksgiving, and praise to Hashem for His miracles, besides being an expression of gratitude — is also relevant to the arrival of our righteous Moshiach, ushering in the true and complete Redemption.** As the *Gemara* relates:[77] "The Holy One, blessed is He, sought to designate King Hezekiah as the Moshiach… the attribute of judgment objected… 'You performed all these miracles for him (he was saved from Sennacherib and was cured of his illness),[78] and yet he did not recite praises before You, will You designate him as the Moshiach!?'"

וְעוֹד וְהוּא הָעִיקָר: דִי הַכָּרָה וְהוֹדָאָה וּנְתִינַת שֶׁבַח לַה' אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט, אִיז נוֹסָף אוֹיף אַן עִנְיָן שֶׁל הַכָּרַת טוֹבָה - אִיז דָאס נוֹגֵעַ צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּגְאוּלָּה הָאֲמִיתִּית וְהַשְּׁלֵימָה, ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט[נו]: "בִּקֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת חִזְקִיָּהוּ מָשִׁיחַ . . אָמְרָה מִדַּת הַדִּין לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא . . חִזְקִיָּהוּ שֶׁעָשִׂיתָ לוֹ כָּל הַנִּסִּים הַלָּלוּ (שֶׁנִּיצַּל מִסַּנְחֵרִיב וְנִתְרַפֵּא מֵחָלְיוֹ[נז]) וְלֹא אָמַר שִׁירָה לְפָנֶיךָ תַּעֲשֵׂהוּ מָשִׁיחַ".

**On this basis, we can understand that for us to publicize the miracles that Hashem performs in our days is important to us bringing the true and consummate Redemption in concrete reality!**

עַל פִּי זֶה אִיז מוּבָן בְּעִנְיָנֵנוּ, אַז פִּרְסוּמֵי נִיסָא פוּן דִי נִסִּים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט בִּזְמַנֵּנוּ - אִיז נוֹגֵעַ צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה הָאֲמִיתִּית וְהַשְּׁלֵימָה בְּפוֹעַל מַמָּשׁ!

## Farbrengens

**12. From the above discussion, we must glean a crucial lesson:**

יב. דֶערְפוּן הָאט מֶען אַרוֹיס אַ הוֹרָאָה עִיקָּרִית:

**Since we are already holding after all the things** necessary to happen before Moshiach's arrival**, and Redemption has still not come, it is very appropriate**

ווִיבַּאלְד מְ'הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַלֶע עִנְיָנִים, אוּן דִי גְאוּלָּה אִיז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען - אִיז אַ דָבָר נָכוֹן בְּיוֹתֵר צוּ

76. From the text of the second blessing recited before lighting the Chanukah menorah; and also in the supplemental prayer, "*al ha'nisim*," added to *Shmoneh Esrei*.

**77. *Sanhedrin* 94a.**

**78. Ibid., Rashi, ad loc.**

to get involved with "publicizing the miracle," to himself and to others, and do so everywhere. We ought to spread the news of the miracles that Hashem has performed for us, realizing that the true and complete Redemption is intertwined with this activity!

How much more so is this lesson germane during the days of Chanukah, which are geared to "publicizing the miracle," as discussed. We must see to it to utilize these days, in addition to carrying out Chanukah-related programs and outreach, to arranging *chassidishe farbrengens* [which may be called by some other name, as suitable to the norms of each place, "When you visit the city, abide by its customs"]. Every day of Chanukah, during these get-togethers, words of Torah are to be spoken, both from their revealed and inner dimensions. Good resolutions should be made regarding all matters pertaining to Torah and *mitzvos*, with the ambition to continually achieve more, bringing even more light (apropos to the Chanukah lights). In addition, and most importantly, speak at these gatherings about publicizing the miracles, the miracles "in those days, and in our times."

טָאן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "פִּרְסוּמֵי נִיסָא", צוּ מְפַרְסֵם זַיְין בַּא זִיךְ אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע, וּבְכָל מָקוֹם וּמָקוֹם - דִי נִסִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, ווִיסְנְדִיק אַז דֶערְמִיט אִיז פַארְבּוּנְדְן דִי גְאוּלָה הָאֲמִיתִית וְהַשְׁלֵימָה!

וְעַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אִין דִי יְמֵי הַחֲנוּכָּה, וָואס עִנְיָנָם אִיז "פִּרְסוּמֵי נִיסָא" כַּנַ"ל - דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג, נוֹסָף אוֹיף דִי אַלֶע פְּעוּלוֹת וּמִבְצָעֵי חֲנוּכָּה, אוֹיךְ - אוֹיף מַאכְן חֲסִידִ'ישֶׁע פַארְבְּרֶענְגֶענִישְׁן [אָדֶער אָנְרוּפְן דָאס בְּלָשׁוֹן אַחֵר, בְּכָל מָקוֹם לְפִי עִנְיָנוֹ, "אָזְלַת לְקַרְתָּא הַלֵךְ בְּנִימוּסֵיהּ"], בְּכָל יוֹם פוּן דִי יְמֵי הַחֲנוּכָּה, אוּן דָארְטְן רֶעדְן דִבְרֵי תּוֹרָה, נִגְלֶה דְתוֹרָה אוּן פְּנִימִיוּת הַתּוֹרָה, אוּן אָנְנֶעמֶען הַחְלָטוֹת טוֹבוֹת בְּכָל עִנְיְנֵי תּוֹרָה וּמִצְווֹת, וּבְאוֹפֶן פוּן מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ וְאוֹר (בְּהֶתְאֵם צוּ דִי נֵרוֹת חֲנוּכָּה), וְעוֹד וְעִיקָר - רֶעדְן וֶועגְן פִּרְסוּמֵי נִיסָא, דִי נִסִים "בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה".

## Distinguished Visitors

13. The subjects discussed earlier pertaining to France were underscored at the present assembly because this Shabbos, a group of Jews from France, is here — in the synagogue and study hall of the Previous Rebbe, the leader of our generation ("770").

Their presence is noteworthy since these *Yidden* are occupied building new institutes in France and publishing new books. As discussed, these activities are vital to the spiritual refinement of the entire world. Moreover, these activities certainly contribute to the success in all matters of those engaged in this, both materially and spiritually. It also enhances their

יג. דִי עִנְיָנִים הַנַ"ל בְּקֶשֶׁר מִיט צָרְפַת שְׁטֵייעֶן בְּהַדְגָשָׁה בַּא דֶער הִתְוַעֲדוּת, מִצַד דֶעם וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָא אַ קְבוּצָה אִידְן פוּן צָרְפַת וֶועלְכֶע זַיְינֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם שַׁבָּת דָא אִין דֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת וּבֵית הַמִדְרָשׁ פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר נְשִׂיא דוֹרֵנוּ ("770").

וּבִפְרַט אַז דִי אִידְן זַיְינֶען זִיךְ עוֹסֵק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת חֲדָשִׁים אִין צָרְפַת אוּן אִין הַדְפָּסַת סְפָרִים חֲדָשִׁים, וְכִמְדוּבָּר לְעֵיל ווִי דָאס אִיז נוֹגֵעַ אִין דֶעם בִּירוּר פוּן כָּל הָעוֹלָם. נוֹסָף אוֹיף דֶעם - וָואס דָאס גִיט זִיכֶער צוּ הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים פוּן דִי מִתְעַסְקִים בְּזֶה, בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת,

**connection with Torah and *mitzvos*, simply by adding to their observance of Torah and *mitzvos*, including, and especially, the *mitzvah* of *tzedakah*, which hastens the redemption,[79] the Redemption of Jewry throughout the world.**

**Accordingly, it is appropriate to honor them by saying, "*L'chaim*." Doing so should extend "life" for each of them, and to all those gathered here amongst the entire congregation of Israel.**

**Additionally, visiting here are also guests from Canada, a country which historically was linked to France.[80]**

אוּן גִיט צוּ אִין זַייעֶר פַארְבּוּנְד מִיט תּוֹרָה וּמִצְווֹת, דוּרְךְ דֶעם ווָאס זֵיי זַיְינֶען מוֹסִיף בְּפַשְׁטוּת בְּקִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת, כּוֹלֵל וּבִמְיוּחָד - אִין מִצְוַת הַצְדָקָה, ווָאס אִיז מְקָרֶבֶת אֶת הַגְּאוּלָה[נח], דִי גְאוּלָה פַאר אִידְן בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלוֹ.

דֶערִיבֶּער אִיז מֵהַנָּכוֹן צוּ זַיי מְכַבֵּד זַיְין מִיט זָאגְן "לְחַיִּים", אוּן דֶערְפוּן זָאל נִמְשָׁךְ ווֶערְן אַ הוֹסָפָה בַּחַיִּים צוּ יֶעדֶערֶער פוּן זֵיי אוּן צוּ אַלֶע מְסוּבִּים בְּתוֹךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

וּלְהוֹסִיף, אַז דָא גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹרְחִים פוּן מְדִינַת קַנַדָה, ווֶעלְכֶע הָאט אַמָאל גֶעהַאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ מְדִינַת צָרְפַת.

## A Precursor To Moshiach

**14. May it be the will of Hashem that the refinement and transformation of France — along with the completion of our work in spiritually refining the entire world — should bring about immediately, in concrete reality, the materialization of the prophetic promise,[81] "The exile of this host of the children of Israel… up to Tzarfas, צרפת,[82]… will take possession of the cities of the South. Saviors will ascend Mount Zion to rule Mount Eisav. Then, the kingdom will be Hashem's." This will happen with the genuine and perfect redemption through our righteous Moshiach. "…with what strength have you asserted yourself, פרצת,"[83] "this alludes to Moshiach, concerning whom it says,[84] 'The one who breaks forth, הפורץ, will go before them.'"[85] (And as we concluded earlier this Shabbos, the blessing for the upcoming new month) "And let us say, 'Amen'"!**

יד. וִיהִי רָצוֹן, אַז דֶער בֵּירוּר וַהֲפִיכָה פוּן צָרְפַת - צוּזַאמֶען מִיט שְׁלֵימוּת עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים בְּכָל הָעוֹלָם - זָאל שׁוֹין בְּרֶענְגֶען בְּפוֹעַל מַמָּשׁ דֶעם קִיּוּם הַיִּעוּד "וְגָלוּת הַחֵל הַזֶּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל גו' עַד צָרְפַת גו' יִרְשׁוּ אֵת עָרֵי הַנֶּגֶב, וְעָלוּ מוֹשִׁיעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפּוֹט אֶת הַר עֵשָׂו וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה", בִּגְאוּלָה הָאֲמִיתִית וְהַשְּׁלֵימָה עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, "פָּרַצְתָּ עָלֶיךָ פָּרֶץ"[נט], "זֶה מָשִׁיחַ שֶׁנֶּאֱמַר[ס] עָלָה הַפּוֹרֵץ לִפְנֵיהֶם"[סא],

(אוּן ווִי מְ'אִיז מְסַיֵּים בִּרְכַּת הַחוֹדֶשׁ בְּשַׁבָּת זֶה:) "וְנֹאמַר אָמֵן".

79. ***Bava Basra* 10a; see *Tanya*, ch. 37 (p. 48b); *Tanya*, "*Iggeres Hakodesh*," sec. 10 (p. 116a).**

80. Canada was a French territory from 1535 until 1763.

81. *Ovadiah* 1:20-21.

82. I.e., France.

83. ***Bereishis* 38:29. פרצת** has the same letters as צרפת, Hebrew for "France".

84. ***Michah* 2:13.**

85. ***Aggadas Bereishis*, end of ch. 63; see *Bereishis Rabbah*, end of ch. 85, and Rashi's commentary.**

[הָאוֹרְחִים שֶׁיִּחְיוּ מִצָּרְפַת אָמְרוּ "לְחַיִּים". וְנִגְּנוּ "הָאַדֶּרֶת וְהָאֱמוּנָה לְחַי עוֹלָמִים". וּבְאֶמְצַע הַנִּגּוּן רָמַז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת אַדְמוּ"ר שְׁלִיטָ"א בְּאֶצְבְּעוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים לִשְׁרוֹק[סב]].

**[The guests from France said, "*L'chaim*," and sang, "Power and trustworthiness to Him who lives forever." In the middle of the singing, the Rebbe motioned with his fingers to those assembled to whistle.][86]**

---

**86. The connection between whistling, redemption, and the ingathering of the exiles is noteworthy. (It says, "I will whistle to them and gather them (*Zechariah* 10:8)"; *Chulin* 63a; and see the *Maamar* s.v., "*Vayeishev*" 5675 (*Hemshech 5672*, vol. 2, p. 783); *sichah* of Purim, 5736.) Whistling is also associated with joy that transcends limits and boundaries, analogous to "פרצת" (the same letters as "צרפת") which alludes to unlimited strength. Also noteworthy is that the idea of transcending limits shares a similar point with the Third Meal, *Seudas Shlishis*, of Shabbos. (See *Shabbos* 118a-b; *Zohar*, vol. 2, 88b; *Siddur* (*im dach* with Chassidus) 200a, et passim; et al.)**

---

א) אסתר ג, ח.

ב) פסחים פז, ב.

ג) ראה תו"ח שמות שלה, א. ועוד. וראה גם לקו"ש חכ"ט ע' 355 ואילך.

ד) שמו"ר פמ"ז, ה. ועד"ז בב"ר פמ"ח, יד. וראה ב"מ פו, ב. - וראה בארוכה לקו"ש חלק לו תשא תש"נ.

ה) רמב"ם הל' מכירה פכ"ו ה"ח. ועד"ז שם פכ"ח הט"ו: אבל במקום שיש מנהג הלך אחר המנהג ואחר לשון רוב אנשי המקום הידועים להם.

ו) רמב"ם שם ספכ"ז.

ז) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

ח) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

ט) ראה תו"א בראשית ו, א. ר"פ לך לך (יא, סע"א ואילך). מג"א קיז, ב ואילך. ועוד.

י) פסחים שם. וראה גם זח"א רמד, א ובנצו"א שם.

יא) ויצא כח, יד.

יב) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

יג) ראה המשך תרס"ו ס"ע ג. ובכ"מ (נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא הערה 32).

יד) ע"ד שהוא בנוגע לתורה - ראה פרש"י ר"פ בהר. הקדמת התניא (ג, סע"ב). ולהעיר ממשנה חגיגה יו"ד, א. גמ' שם יא, א.

טו) עובדי' א, כ־כא.

טז) ראה רד"ק עה"פ.

יז) "בית רבי" ח"א פכ"ב (מה, ב ואילך). ספר השיחות תורת שלום ע' 203. אגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה ע' תנא. ספר התולדות אדה"ז ע' רנט (בהוצאת תשמ"ו - ח"ד ע' 1025) ואילך. הנסמן לקמן הערה יט. כא.

יח) בית רבי שם הערה א. תורת שלום שם. לקו"ד ח"ד תשיד, ב. וראה שיחת ליל שמח"ת (קודם הקפות) תשד"מ.

יט) במכתבו להחסיד ר' משה מייזליש - נדפס בבית רבי שם (מז, א). אגרות־קודש אדמו"ר הזקן סי' סד (ע' קנ־קנא). ובכ"מ (נסמנו ב"מקורות והערות" לאג"ק שם ע' תנד).

כ) שם משפחה של נַאפָּאלִיאָן.

כא) במכתבו להחסיד ר"מ הנ"ל - נדפס בבית רבי שם (מח, א ואילך). אגרות־קודש אדמו"ר האמצעי סי' ח (ע' רלז ואילך). ובכ"מ (נסמנו ב"מקורות והערות" לאג"ק שם ע' תפט).

כב) ראה שיחת שמח"ת תרע"ו - נעתקה בס' מגדל עוז (כפ"ח תש"מ) ס"ע תנז ואילך.

כג) ראה בארוכה במכתב אדהאמ"צ הנ"ל (אג"ק שם ע' רמ ואילך). לקו"ד ח"א יג, ב ואילך.

כד) אג"ק שם ע' רמד. בית רבי שם מו, א הערה ב. לקו"ד שם יד, ב.

כה) אג"ק שם ע' רמג.

כו) בהבא להלן, ראה גם ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 570 ואילך. תשנ"ב ח"א ע' 4־163.

כז) וכן בנוגע לדורות שלפנ"ז - "אשר הרבו להרע בישראל . . כמבואר בספר שבט יהודה באריכות וכו'" (אג"ק אדהאמ"צ שם ע' רלט. וראה גם בספרו שערי תשובה ח"א פ"ה (ה, ב)).

כח) וראה לקמן ס"ז שינוי התקופות בזה.

כט) ראה ספר התולדות אדמו"ר מהר"ש (קה"ת תש"ל) ע' 39. 42. 52.

ל) לקו"ש חי"ח ע' 303 ואילך.

לא) ולהעיר שכמה מרבותינו נשיאינו דיברו בשפה הצרפתית, ראה (לדוגמא) ספר התולדות שם ע' 42. אג"ק אדמו"ר מהורש"ב ח"ד ע' רמו (ושם, שפעם, בהיות כ"ק אדנ"ע עם בנו כ"ק מו"ח אדמו"ר בצרפת, במשך כארבעה שעות דיבר בשפה הצרפתית).

לב) ספר התולדות שם.

לג) לקו"ד ח"ב שא, א. שה, א.

לד) ראה אג"ק הנ"ל ח"ב ע' תשנג.

לה) משא"כ אדמו"ר מהר"ש ואדנ"ע לא היו שם באופן של קביעות כו'.

לו) ד"ה אני לדודי, מיום ד', ח' אלול תרצ"ו בפריז - ע"פ רשימת מאמרי דא"ח שלו (קה"ת תשכ"ח). ועוד.

לז) פורים תרח"ץ בפריז (ספר השיחות תרצ"ו־חורף ה'ש"ת ע' 257 ואילך).

לח) בשלהי חורף תרצ"ג התיישבו כ"ק אדמו"ר שליט"א והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע זי"ע בצרפת, שם דרו כשמונה שנים עד שנת תש"א. המו"ל.

לט) ראה בפרטיות במבוא לאג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 9 ואילך.

מ) ואף שזה בא בתחלה מצד טבעו (טבע גם של אוה"ע), הרי ע"פ פס"ד הרמב"ם (הל' גירושין ספ"ב) שרצונו הפנימי של ישראל הוא לקיים תומ"צ, מובן, שדברי תורה מושכים אותו - מעצם טבעו - ללמוד ולעיין בהם.

מא) ובלשון מכתבו בקשר להתייסדות הישיבה שם (אג"ק שלו ח"ט ע' רפה):

"כל מדינה ומדינה יש לה תנאי חיים שונים . . אבל בנוגע הסדרים העיקרים של ישיבת תומכי תמימים אין לזוז מהם אף זיז כל שהוא בכל תוקף כעין דהוא בארעא דליובאַוויטש". וראה שם לעיל: "ברוך שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה ליסד ישיבת תומכי תמימים במדינת צרפת, ואין לשער גודל העונג והנחת רוח שגורמים בזה להוד כ"ק אבותינו רבותינו הקדושים בשמי עליון כו'". - וגודל השמחה בזה יומתק ע"פ המבואר בפנים.

מב) של"ה קצא, ב. מגדל עוז הל' אישות פ"ד ה"ט.

מג) להעיר מדברי הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע לאחת מהשלוחות דמדינת צרפת: "מיר האָבן געאַקערט און געזייט, און איר דאַרפט שניידן". המו"ל.

מד) פרש"י חוקת כא, כא.

מה) דניאל יב, יו"ד.

מו) תניא אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

מז) ראה ס' השיחות - תורת שלום ע' 120 ואילך. המשך תער"ב ח"ב ע' א'קמד. סה"מ תש"ז ע' 238. ובכ"מ.

מח) ולהעיר שבשנה זו תתמלאינה מאתיים שנה לחיבור ניגון זה (בשנת תקנ"ב).

מט) ראה ספר השיחות תורת שלום ע' 204: "כל מלך גדול, כמו מדינתינו ואנגליא וצרפת ואשכנז בודאי יש להם שרים כו'", ע"ש בארוכה. וראה גם אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' צה ואילך.

נ) ראה גם יהל אור (ע' שעד) בנוגע לניגוני ישמעאל ואדום (ש"בישמעאל ניגונם הוא של מרה שחורה ומזה מתענגים, ובאדום הוא להיפך ניגונים של חדוה") - שקשורים עם מהות אומות אלו.

נא) בעת ההקפות דליל שמח"ת שנת תשל"ד.

נב) ע"ד "נאַפּאָליאָן'ס מאַרש" - ראה ספר השיחות תש"ג ע' 118, שרבינו הזקן ביקש שיודיעוהו ניגון ה"מאַרש" שעמו עברו הצרפתים את גבולה של רוסי', וכשניגנו הניגון בפניו נענה ואמר שזהו ניגון של נצחון, וסיים - לאחרי משך זמן שהי' "שטאַרק פאַר'דביקות" - סוף כל סוף יהי' דידן נצח!

נג) כמה חדשים לאחרי שהתחילו לנגן "האדרת האמונה וכו'" בשנת תשל"ד - שינו את קצב הניגון ורככו את תנועותיו (מפני הכבוד), ע"פ הצעת מנהיגה של צרפת דאז. ובשנת תשמ"א שינה אותו מנהיגה החדש (הנוכחי) חזרה לקצבו הקודם. המו"ל.

נד) וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' צד. סה"מ תש"ט ע' 43 (השני). סה"ש תשמ"ז - שיחת ש"פ תבוא.

נה) שבת כא, ב ובפרש"י.

נו) סנהדרין צד, א.

נז) פרש"י שם.

נח) ב"ב יו"ד, א. וראה תניא פל"ז (מח, ב). תניא אגה"ק ס"י (קטז, א).

נט) פרשתנו לח, כט.

ס) מיכה ב, יג.

סא) אגדת בראשית ספס"ג. וראה ב"ר ספפ"ה ובפרש"י.

סב) להעיר מהשייכות דשריקה לענין הגאולה וקיבוץ גליות (כמ"ש אשרקה להם ואקבצם - זכרי' י, ח. חולין סג, א. וראה סד"ה וישב העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' תשפג). שיחת פורים תשל"ו), ולשמחה שלמעלה ממדידה והגבלה באופן של "פרצת" (אותיות "צרפת"). ולהעיר, שזהו גם ענינה של סעודה שלישית בשבת (ראה שבת קיח, א־ב, זח"ב פח, ב. וראה סידור (עם דא"ח) ר, א ואילך. ובכ"מ).

SEGMENT TWO PROCESSING

## Points to Ponder

Why does a Chasid believe that everything can and must be used for *avodas Hashem* even if it appears to be an obstacle to *avodas Hashem*?

In the Mashiach mindset the world is not just an instrument for Elokus. What is it?

How can this aspect of the Mashiach mindset change the way you deal with your challenges?

In a Mashiach mindset every place is a center of *Torah* and *kedushah*. Identify one location that you frequent where you would behave differently if you adopted this mindset.

What peculiar customs or unique cultures are prevalent in your workplace, and how can you use them to disseminate Torah and *Yiddishkeit*?

## SEGMENT TWO TAKEAWAYS

The following are some suggested steps to implement, based on this month's segment:

- The world and *Elokus* are not separate things that need to be bridged. They are one and the same. Everything in life, no matter how challenging it might seem, is holy and should be used in our *avodas hakodesh*.

  Identify something (such as your YouTube, Facebook, Spotify, etc.) or someone that you find particularly challenging to your *shlichus* or *Yiddishkeit*. Instead of avoiding it, find a way to transform it into an asset for your *avodas hakodesh*.





- Every place is intrinsically holy and can be a center of *Yiddishkeit*. Whether we are on vacation with family, a business trip with colleagues, or at a *Chasidus shiur* with our *mashpia*, we are always in the epicenter of *kedushah*.

  Wherever you are, cultivate a Mashiach mindset and view it as your *makom hashlichus*. Identify environments in which you are apt to adopt a more casual mindset and change the mindset.

- Every location has a particular culture: some places value education, others value sports and physical fitness, and yet others value the arts. Many workplaces have collegiality customs such as potluck lunches or monthly nights out. Every location has its own brand of dialect, idioms, culture, fashion, humor, fun, etc.

  Turn these traditions or cultures into prisms through which *Yiddishkeit* can be spread by teaching Torah and organizing programs using your location's unique brands. For example, in America use baseball as a *mashal* in your *derashah* or *shiur*. In Canada, recruit hockey stars to promote your events on social media. In France, organize a wine tasting with a *minyan* and *shiur* before and



after, etc. Develop a plan, recruit others to help you, and turn your colleagues, clients, staff, friends, and local culture into a framework for *hafatzas hamaayanos*.

At the same time, don't compromise on the quality of the Torah you teach or the *Yiddishkeit* you spread. In the Mashiach mindset, every place is conducive to the greatest commitments and the deepest teachings. Teach authentic *Yiddishkeit*, communicated in the local vernacular and through the culture of local traditions..

הקובץ נדפס
לעילוי נשמת

# הרה"ח הרה"ת שמעון בן מנחם שמואל דוד הלוי ע"ה

נפטר כ' כסלו, ה'תשפ"ב
תנצב"ה
הקיצו ורננו שכני עפר והוא בתוכם

MERKOS L'INYONEI CHINUCH
SUITE|302